# Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


## Ofgang afn Dnyeper


Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ



Mosḳṿe, 1937


12


urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240



Visual Library

## 12

פארצערוועטע קינדהײַט, גרינע,
און גרייטקײַט פאר קינפטיקע טעג;
ארויס איז טרובא אינ באגינענ
אפ מעסטנ אומברעגיקנ סטעפ.

טשאבאנעס, נויט און באטראקעס
און לאָצמאנס — אינ שטריק געשפאנט;
אינ סטעפ, ווי נ׳א בלעכענעמ באק, איז
געבוירנ געוואָרנ טרובא.

א נאכט — ווי אינ סטעפ דארפ א נאכט זײַנ,
מיט שטילקײַט, מיט שרעק און ווינט;
דער דניעפער ט׳געריסנ דאָס הארצ זיכ,
נ׳א מאמע ז׳געגאנגענ צו קינד.

איז ווּעמענ אנ אומגליק, א פריידּ דאָ,
וואָס נאָכ מיט א מויל, א פּאָר פּיס?
באָרוועס. דעמ הוט פונעמ זיירנ.
אונ הונגער — אונ פרייד — ווי־ניט־איז.

געפּאסטעכט, געפירט אפ פּאראָמענ
אונ מייַסעס געשלונגענ ער האָט
פונ לאָצמאנס, פונ גרויסע מילכאָמעס,
נ'אליינ ער אוועק איז אינ פלאָט.

ז'געשראמיקט זייַנ פּאָנעמ מיט שפּורנ,
מיט יאָרנ פונ פייַער אונ פראָסט:
די דייַטשנ, דעמ פּאלאצ געשטורעמט,
אווראָרע! — אונ ער — א מאטראָס.

אונ לענטעס, אונ קליאָש, ווי די זעגלענ,
אונ טשובנ אפ ברויזיקע קעפּ;
פונ ניעווא ביז שווארציאמיקע ברעגנ
אונ צוריק אהיימ — צומ דניעפּ.

אפ שטרעקעס, ווי טעפּיכער גרינע,
צעשניטנ מיט שארפ פונ דניעפּ,
ז'געשטאנענ טרובא אינ באגינענ
געמאָסטנ די ווייַט פונ סטעפּ.

צעבייַלט איז דער סטעפּ מיט קורהאנעס,
מיט ציילעמס, מיט קוואָרימ אונ שטיינ;

ס׳איז יעדערן שווער. דאָ דערמאָנען
א ווען ס׳איז רו און געביין.

די סטעפּעס געבלאָטערטע זײַנען
מיט בלוט פּאַרטיזאַניש פון שטעט,
וואָס האָבן דעם וועג צו אוקראַינע
מיט ביינער און ליבע געבעט.

פאַרצערוועטע קינדהײַט, גרינע,
און גרייטקײַט פאַר קינפּטיקע טעג;
ז׳געשטאַנען טרובּא אין באַגינען,
געמאָסטן אומבּרעגיקע סטעפּ.

עס האָבן אַמאָל דאָ פאַרצײַטנס
געצויגן זיך סטײַעסווײַז גענדז;
ציגײַנערשע ביידלעך מיט שײַטערס,
גאַניעווישע פערד צו דער גרענעץ.

ז׳געשטאַנען טרובּא אין א קעפּי,
די אויגן ווי צירקולס זיך דרייען;
אַף יענער זײַט ברעג פון דניעפּער
וועלן אופגיין זאַוואָדן אין רייען.

ס׳פאַרקישעפט טרובּאַען א זעונג:
א שטאָט אין קוואַדראַטן, אין סטעפּ;
צו די גרויע גראַניטענע לענגען
זיך פליעסקען כוואַליעס פון דניעפּ.

איז געשטאנען טרובא שטויביק,
די אויגן ווי צירקולס בלאנק,
עס האָבן זיך צוגן געצויגן,
געצויגן געציַיגיק פון לאנד.

פארטריקנטע ליים און בלאָטע
פון סטעפּ, פון דאָרף, פון שטאָט,
אפן ברעג — באראקן, געבלאָטערט,
ברעזענטענע שטיקער פארטאָג.

פון שטאָט — א געיעג: אווטאָבוסן,
געפּראָפּטע מיט כיישעק און קויעך;
אנטקעגן — אפּ פערד און צופוס,
און שטויב איז טיַער, ווי טוי.

אין שטראָמען פון מאכנעס געדיכט
איז אָנגאנ א פרוי אין א פלאשטש דאָרט;
די העל־בלאָנדע האָר, דאָס געזיכט
צום פרימאָרגן צום גרויען זיך לאשטשעט.

די טריט אירע — פעסטע, באוועגטע,
אין אויגן — פרימאָרגיקער באן.
— די הויפּט־קאָנטאָר, — האָט זי געפרעגט דאָרט,
און דורכגעפירט האָט זי טרובא.

נו, איז מען געגאנ, איז מען צוגאנ,
דערפרעגט זיך, פארשטאנען זיך שווער;

— עס שלעפּן זיך נאָך דאָ די צוגן,
נאָך נעכטן באַדאַרפט כ׳האָב אהער...

דערנאָך האָט טרובאַ זיך פאַרהאַוועט,
עפּעס זוכט ער און ווייסט ניט וואָס:
אינזשעניער. קאָמאַנדירט. כאַווער.
געשריבן ס׳איז קלאָר און פּראָסט.

געגאַנען זאַלבענאַנד מ׳איז צוזאַמען
פרימאָרגנדיק־שטיל און באַרוט;
— ווי רופט מען אײַך? — פּראָסט, נעכאַמע! —
— פון מאָסקווע? — פון מאָסקווע! — נו, גוט! —

גענומען האָט ער איר וואַליזע
פון איין האַנט אין צווייטער — ס׳איז גרינג;
א קאָמיוגיסטקעלע איז זי.
די אויגן — ווי שנײַדיק און גרינג.

און ברעמען בא איר זײַנען שוואַרצע,
נ׳א שמאָל פּאַסיקל ציינ;
און שמייכלען שמייכלט זי, דאַכט זיך:
— וואָס הערט זיך אין מאָסקווע? דערציילט! —

און ס׳גלייבט זיך אים קוים, טרובאַען,
ער קוקט אַפּ איר, פּונקט ווי ער לייענט;
און ווידער א זוך און א שטאַמל,
און דעם דניעפּער ער מעסט אין דער לענג:

— איר זעט? אָט זײַנען די שוועלן!
נ'אַפּ וויפֿל ט'געשפּעטיקט דער באַן?
ס'וועט, כאַווער, דאָ אַלץ אײַך געפֿעלן,
און מיך רופֿט מען פּראָסט — טרוּבאַ!